№ 34 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem פרייז 20 גראשען Lodzer Tageblat

# לאדזשער טאגעבלאט

הײנט 8 זײטען

רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פיעטריקאווער 16. טעלעפאנען פון: רעדאקציע 10057, פון אדמיניסטראציע 10047. | זונטאג, פ' בשלח, י"א שבט תר"צ | 9 lutego 1930 r. | 23־טער יאהרגאנג.

# ב.ב.-קלוב פאר אפשאפען די אונבעריהרליכקייט פון די סיים-דעפוטאטען?

## מארגען בעגייט די ארבייט די קאמיסיע אויסצופארשען דעם ענין טשעכאוויטש

ווארשא, 8. (טעל.) הײנט איז פארגעקומען א זיצונג פון סיים-קלוב. די זיצונג איז געווען א פערטרויליכע. עס איז באטראכט געווארען די פראגע אנצונעהמען אן אקציע געגען סיים-מארשאלעק.

ווײטער איז בעשלאסען געווארען ארײנצוטראגען אין סיים א פראיעקט, אז די דעפוטאטען זאלען זיך אפזאגען פון זייער אונבעריהרליכקייט. אלע דעפוטאטען פון ב. ב. קלוב זענען גרייט מוחל צו זיין אויף זייער אונבעריהרליכקייט.

### מארגען בעגייט די ארבייט די קאמיסיע אויסצופארשען דעם ענין טשעכאוויטש

ווארשא, 8. (טעל.) מארגען האלט אפ די ערשטע זיצונג די סיים-קאמיסיע, וואס איז אויסגעוועהלט געווארען זיך צו פארנעהמען מיט'ן ענין פון געוו. פינאנץ-מיניסטער טשעכאוויטש.

### די שווערע לאגע פון יודישען האנדווערקער

ווארשא 8. פעברואר (טעל.) די יודישע האנדווערקער ארגאניזאציע האט צוזאמענגערופען א פרעסע-קאנפערענץ אויף וועלכער די האנדווערקער-פארשטעהער דעפ. ראסנער און אנדערע האבען רעפערירט וועגען דער שווערער לאגע פון יודישען האנדווערקער. אייניגע בראנזשעס ווי די שיך שטעהט פאר א פולשטענדיגער רואין.

### אויסערגעוועהנליכע סעסיע פון דער מאנדאט קאמיסיע
#### קומט פאר דעם צווייטען אפריל

גענף, 8. (יט"א) דער סעקרעטאריאט פון פעלקער-בונד האט ערקלערט, אז די אויסערגעוועהנליכע סעסיע פון דער מאנדאט קאמיסיע איז בעשטימט געווארען אויף דעם 2-טען אפריל. דער דאזיגער טערמין איז אבער בלויז א וואהרשיינליכער, ווייל ס'איז נישט בעוואוסט, צי ביז יענעם טערמין, וועט די ענגלישע אויספארשונגס-קאמיסיע שוין האבען פערטיג געמאכט די בעריכטען.

### פראטעסט פון פוילישע סוחרים געגען ערלויבען יודען האנדלען אין זונטאג

ווארשא 8 פעברואר (טעלעפ.) אין שייכות מיט'ן פראיעקט פון א נאוועלע צים געזעץ וועגען זונטאג-רוה. לויט וועלכען עס זאל ערלויבט זיין יודען צו האנדלען אייניגע שעה זונטאג, האבען די פוילישע סוחרים-פעראיינען אונטערנעמען א געגען אקציע. עס זענען איינגעארדענט געווארען פראטעסט-פערזאמלונגען אויף וועלכע זיי נעמען אן פראטעסט רעזאלוציעס.

### כוליגאנישע סטודענטען בעפאלען יודען אין טשערנאוויץ

טשערנאוויץ, 8. (יט"א) אנטיסעמיטישע סטודענטען זענען בעפאלען אין א צוג יודישע פאסאזשירען און זיי מערדערליך געשלאגען. דערונטער דער רבי פון צוטאבא (בוקאווינע)

Panflavin- w PASTYLKACH dla ochrony przed zapaleniem gardła i zaziębieniem. Do nabycia w aptekach

### בעפרייט א בויקאט-אגיטאטאר אין יפו אויף קויציע

ירושלים, 8. (יט"א) דער שייך מוסאפא, וועלכער איז ארעסטירט געווארען פאר אנפיהרען די בויקאט-אגיטאציע אין יפה נעגען יודען איז בעפרייט געווארען אויף קויציע. דער מוסולמענישער אראבישער קאמיטעט האט פאר איהם געמאכט א פנימער ליכע אויפנאהמע.

קאאפעראטיווע האנדווערקער-באנק אין לאדז

BANK SPÓŁDZIELCZY

פאלודניאווא 4 טעלעפאן 126-07 עקזיסטירט פון יאהר 1911

פאלודניאווא 4 טעלעפאן 126-07 עקזיסטירט פון יאהר 1911

נעמט אן אינקאסע-אויפטראגען אויף אלע שטעט און שטעטלעך אין פוילען

און אויך אין אויסלאנד און עס ווערט אויסגעצאהלט אין טאג פון איינגעהן.

די באנק ערטיילט אוואנסען אויף די אינקאסע-פארטפעל ביז 50%

מיט אכטונג דער ראט און די פערוואלטונג

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען אין עלטער פון 53 יאהר מיין ליבע פרוי אונזער טייערע און אונפערגעסענע מוטער

# נ"ע בראנא טאגעליכט

## געבוירענע טוגענדהאלד

די לויה קומט פאר היינט זונטאג, דעם 9 פעברואר 1930 3 נאכמיטאג פון טהרה-הויז, וועגען וואס עס מאכען בעקאנט אין טיפען צער

**מאן, טעכטער זוהן און איידעמס.**

מען בעט נישט אפצוגעבען קיין קאנדאלענץ-בעזוכען.

אונזער ג' פערוואלטונגס-מיטגליד ה' **חיים בוים**

צוליב'ן טויט פון זיין אונפערגעסליכער

# נ"ע מוטער

דריקען מיר אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל.

**די פערוואלטונג פון בעקער-צעך**

# Aufgebot.

Es wird zur allgemeinen Kenntnis gebracht, dass 1) der Schmiedegeselle Eduard Hittinger wohnhaft in Klein Roschau (Jobbowitz Freie Stadt Danzig), Sohn der verstorbenen Ida Hittinger, ohne Beruf, zuletzt wohnhaft in Jobbowitz

2) die Frieda Luise Hedwig Hoffmann, ohne Beruf, wohnhaft in Klein Roschau (Jobbowitz Freie Stadt Danzig), Tochter des Landarbeiters Bernhard Hoffman und seiner Ehefrau Auguste geborene Praschnau, beide wohnhaft in Klein Roschau, **die Ehe miteinander eingehen wollen.**

Jobbowitz am 27 Jan. 1930. Freie Stadt Danzig.

**Der Standesbeamte**

אנאנסירט נאר אין „לאדזער טאגעבלאט"

פאלקס-אוניווערסיטעט ביי דער ציוג. ארגאניזאציע

היינט, זונטאג, 9/2, 8.30 אווענד אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע (צעגיעלניאנא 4)

## א פארלעזונג

אויף ד.ט.: „יודען אלס ענטדעקער און ערפינדער"

רעפערענט: **רעד. י. אוגער**

דער איינגאנג פריי!

צו דער פערלאבונג פון אונזער ליבען קוזין

**לעאן ווילטשקאווסקי** מיט פרל. **סאלא ווייך**

גראטולירען און ווינשען פיל גליק

סאלא כרול

י. מ. האמבורסקי.

